גייט אים הינדל יאָרן דרײַ,
איז דער מאַנטל שפּאָגל־נײַ.
גייט זי אין אים נאָך א יאָר,
פעלט דעם מאַנטל נישט קיין האָר.

איינמאָל ווערט א גרויסער טומל,
אַלע שטייען אין א רומל,
הינדל כליפּעט אויפן בעט —
ט׳אָנגעוואָרן א מאַנקעט.

שרײַען אַלע, אַלע, אַלע:
—דאָס־איז־דאָס א מויד א כַּלה!
ליגט און כליפּעט אויפן בעט!
ווי פאַרלירט מען א מאַנקעט?

האָט שוין אָנגעטאָן דעם מאַנטל
איצט דער ייִנגסטער בָּחור פאַנטל.

— פאַנטל, פאַנטל, אײַ איז דאָס
א בָּחורעץ!
חַבֶרט זיך מיט הינט און קעץ,
יאָגט זיך נאָך יעדן וואָגן,
שלאָגט זיך, ווערט אַליין געשלאָגן,
מיאַוקעט, פײַפט, און שרײַט,
און בילט.
און די מאַמע לאַכט און שילט.

האָט שוין אָנגעטאָן דעם מאַנטל
איצט אָט דער־אָ תכשיט פאַנטל.

האָט ער באַלד דעם ערשטן טאָג
אָפּגעפליקט א גאַנצן ראָג.

און אויף מאָרגן אינדערפרי —
אויסגעהאַקט א לאָך אין קני.
און דעם זעלבן טאָג פאַרנאַכט
אָן א קאָלנער אים געבראַכט,
מיט צוויי לעכער גרויס ווי אויגן
אין די ביידע עלנבויגן.

ווערט א טומל, א געשריי:
—אַך און אָך, און ווינד און וויי!
אזא מאַנטל, אזא מאַנטל
פאַלט אַרײַן צום תכשיט פאַנטל.

איינמאָל פאַנטל איז ניט פויל,
קומט צו לויפן נאַקעט, הויל.
שרײַען אַלע פאַראַמאָל,
אַלע, אַלע אין איין קול:

— תכשיט, שייגעץ, פלעדערמויז,
ווו דער מאַנטל? זאָג נאָר אויס!

ענטפערט זיי דער ווילער יונג
מיט אזא־אָ שאַרפער צונג:

— כ׳האָב פון אים דעם רעכטן לאַץ
אָפּגעשענקט דער שווארצער קאַץ,
און דערנאָך דעם לינקן לאַץ
אָפּגעשענקט דער ווײַסער קאַץ,
און די רעשטע—לאָך אויף לאָך,
ט׳אָנקומען די צווייטע וואָך.

ווערט א טומל, א געשריי:
—אַך און אָך, און ווינד און וויי!
אזא מאַנטל, אזא מאַנטל
פאַלט אַרײַן צום תכשיט פאַנטל!